Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Seyfer zikhroyneś

Psantir, Iacob
פסנתר, יעקב

Buḳaresht̩, 650 = 1889

צווייטע אבטהיילונג

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12393

Visual Library

## צווייטע אבטהיילונג

ביאגראפישע בעשרייבונג פין דיא אלטע וואס לעבען נאך יעטצט אים אזיל אונד דיא גרינדונג דעס פעראיינעס פאם אזיל „ב״ז מחסה לזקנים״.

### שלשה דברים העומדים ברומו של עולם

1). דאס ערסטע איז איינע שולע וויא דער מענש ווערד געבילדעט אינ געלערנט. מען נעמט איין מענש וואס ער ווייסט ניט א מאל וואס דאס ווארט מענש הייסט אינ מען בילדעט אינ לערנט איהם אזוי לאנג ביז ער בעקימט איא שארפען פערשטאנד אינ געפיהל. אז ער מיט זיינער קלוגהייט פארשט ער נאך דער נאטור־בעשאפפענהייט אזוי ווייט. אך ער איז אים שטאנד צו וויס־סען וואס אין דער טיפעניש פין דער גרויסער ערדקוגעל ליעגט אינ וואס אין דעם אבגרונד פין דעם גרויסען וועלטמעער געפינט זיך. דיא שולע צייגט איהם דעם וועג פין כל החכמות שבעולם. דיא שילער דארפען דעם לעהרער דאנקבאר זיין נאך מעהר וויא איהר אייגענעם פאטער, ווייל דער פאטער קאן איהם דיא וויס־סענשאפט ניט געבען אזוי וויא דער לעהרער גיבט איהם. מיר דערפין דאפאן ניט מאריך זיין, דיא וועלט איז שוין גענוג בעקאנט דאריין.

2). דאס צווייטע איז א שפיטאל, וויא יעדער ארמער קראנ־קער מענש, אהנע אונטערשייד דער רעליגיאן, קאן זיין ריינעס בעט טרעפפען אינ מענשליך פערזארגט ווערדען, היינו: מיט דאק־טאר, מעדיקאמענטע, בעדיענונג, ריינקייט או. ז. וו. מיר דערפין אוף זא איין הייליגעס מאנומענט קיין קאמענטאר מאבען, דיא וועלט איז שוין דאריבער קלאר.

3). דאס דריטטע איז איין בתי מחסה לזקנים. דאס איז איין אינסטיטוט ווא איין אלטער מאנן זאלל זיך זיינע לעצטע יאהרען ציברענגען. דא איז געוועהן מיין לעטצטעס סטודיום אוף מיין עלטער. דיא עטליכע יאהרען וואס איך האב פארלוירען ארים

דעם אזיל, פין דיזר צייט פין דער גרינדונג דעם פעראיינעס ביז אין היינטיגען טאג, טהיט מיר גאר ניט באנק. נאר דערפאר וויל איך האב קענגען געלערנט דיא נאטור דעם אלטערס פין פערשידענע מענשען. א יעדער מענש פיהרט זיין עלטער אדער דיא עלטער פיהרט איהם אויף איין פערשיעדענעם מיזעראבלען וועג. איינער ווירד בלינד, איינער טויב, איינער בעקימט געשוואללענע פיס וואס ער קאן זיך ניט ריהרען, איינער היסט אינ שפייט אינ חראקעט ציפיעל, איינער ווערד געבריכט, איינער באשיט מיט כנים, איינער בעקימט נצירות (עצירות) מיט אנדערע מיני אינ־וויניגסטע קרענק. איינער קאן דעם מענשליכען נאטור פין דער ריינקייט גאר ניט האלטען, ער טהיט אב אזוי וויא א קליין קינד אין העמד אינ אין דיא הויזען. אין דאס מיינסטע פין דיא אלטע לייט האבען דעם חסרון, אזוי וויא מיר האבען דאס שוין א סך מאל ציגעזעהן. אין דער חסרון קימט דעם אלטען מאנן, וויל זיין מאגען קען שוין ניט פערטראגען דאס הארטע עססען. ער האט קיין צעהן אין מויל מיט וואס דאס הארטע פלייש אדער ברויט צי צירייבען, אזוי שלינגט ער דאס אראב גאנצע שטיקער, אינ דער אינוויניגסטער מאשין איז שוין אויך אבגעארביט; דיא צוויא מילשטיינער, דיא מילץ אינ דיא לעבער זענין שוין אויך אבגע־שליפפען, זייא זענין ניט אים שטאנד דיא גראבע שטיקער צי צי־מאהלען, אזוי בלייבט עס ליגען אין מאגען ניט פערדויעט. עס קאן שוין ניט ווירקען וויא דיא נאטור ווילל האבען, ד. ה.: איין דריטטעל פינ׳ם עססען זאלל קאנסומירט ווערין אז דיא אברים זאללען דאפאן געניססען אינ דער רעסט פסולת זאלל צור געוועהנליכער צייט ארויסגעהן. דאס אבער איז שוין ביים אלטען מאנן אבגעוויעזען, עס איז שוין בייא איהם נישטא קיין געוועהנליכע צייט. מיר האבען דא געזעהן מענער אין וייבער וואס קענען נישט דיא השתנה האלטען, וויא זייא געהן אינ שטעהן לאזען זייא דיא השתנה, אינ צי דיא חסרונות פערליערט ער נאך דעם רעכטען פערשטאנד. קורץ דיא עלטער פיהרט איהם אראב אזוי וויט, ביז זיא ברענגט איהם צי דער פריהריגער עפאקע וואס ער איז געבוירען געווארין, דאס הייסט, דיא עלטער גלייכט איהם אוים ביז ער קימט צי דער נאטור פין א קליין קינד. ער בעגעהט

דיא אייגענע פעהלער וויא דאס קינד אין דערפאר האט איהם איעדער פיינט אין איבערהויפט דורך דער אומריינקייט קעננען איהם זיינע אייגענע קינדער ניט ליידען. אויך ווען ער איז א רייכער מאנן לאבען אונד שפאטען פין איהם זיינע אייגענע דיענער.

יעטצט איז דיא פראגע אז דער אלטער מאנן קימט יא אין דער נאטור פין א קליין קינד אין אז עס טרעפט זיך איהם אויך אז ער מאכט דיא קינצען וואס א קליין קינד מאכט, פאר וואס האט מען דאס קליינע קינד ליעב אין מען קישט עס חאטשע עס איז אומריין אין דער אלטער ווערד פין א יעדען, אין זאגאר פין זיינע אייגענע קינדער, פעריאגט וויא איין באנדיט? דא זעהט מען דיא געטטליכע השגחה אדער דיא וועלטליכע נאטור: דאס קינד איז ערשט געבוירען הייסט ער א דור בא, ער דארף ערשט דיא וועלט בעשטייגען, אין דער אלטער מאנן הייסט א דור הולך, ער דארף זיך שוין פין דער וועלט שיידען. דארום ציעהט דיא נאטור דיא ליעבשאפט אויף דעם יונגען קינד אין דיא פיינדשאפט אויף דעם אלטען מאנן אין טאקע כדי דער יונגער מענש זאלל צופריעדען זיין וואס דער אלטער טראגט זיך שוין איבער. דארום מיינע ליעבע לעזער האב איך פעראייניגט דאס בתי מחסה לזקנים צי דיא צוויי הייליגע מאנומענטע. אזוי וויא עס איז נעטהיג איינע שולע אין איין שפיטאל אזוי איז נעטהיג איין הויז פיר אלטע ליט.

אונזער הייליגע תורה האט אויך ניט פערגעססען אין דעם אלטען מאנן אין האט אונז אנגעזאגט: „מפני שיבה תקום“ פאר איינען גרייז זאללסט דוא אויפשטעהן. אין זאללסט שטעהן פאר איהם, דאמיט איז ער ניט גערעקט. אונזער הייליגע תורה איז אלעגאריש געשריעבען, איין יעדעס ווארט האט איינע בעדייטונג. מפני שיבה תקום, פאר דעם גרייז זאללסטו א געצעלט אויפשטעללען, אזוי וויא גאטט האט געזאגט צו משה „תקים את המשכן אהל מועד (פ׳ פקודי) דיא אייגענע בעדייטונג האט דער פריהריגע תקום אויך: מפני שיבה תקום, דיא זאללסט זארגען פאר דעם אלטען מאנן אין זאללסט איהם אויפשטעללען איין געצעלט צום פערזאממלען, דאס הייסט איין בתי מחסה לזקנים, דאמאלס וועסט דיא מקיים זיין דאס וואס דיא תורה זאגט: „והדרת פני זקן ויראת מאלהיך (פ׳ קדושים). נאך דער תורה קימט דיא משנה אין העבט

אן אויסצירעכענען דעם מענשענס מעלות אדער דיא שטופען וואס איין מענש שטייגט פון זיין געבוירען אן ביז ער קוממט צו דיא הונדערט יאהר, אין אזוי זאגט דיא משנה אין מסכת אבות: „בן חמש למקרא, בן עשר למשנה, בן שלש עשרה למצות, בן חמש עשרה לגמרא, בן שמונה עשרה לחופה, בן עשרים לרדוף, בן שלשים לכח, בן ארבעים לבינה, בן חמשים לעצה, בן ששים לזקנה, בן שבעים לשיבה, בן שמונים לגבורה, בן תשעים לשוח, בן מאה כאלו מת ועבר ובטל מן העולם“. אז דער מענש קומט אריין אין דיא 40 אדער 50 יאהרען איז ער ביים רעכטען פערשטאנד אז מען קען זיך מיט איהם בעראטהען, אז ער קומט אריין אין דיא 60 יאהר הייסט ער א „זקן“, אלטער מאנן, אז ער קומט אין דיא 70 אריין הייסט ער „שיבה“, גרייז, אז ער קומט צו 80 הייסט ער „גבור“, וייל דיא יאהרען האבען זיך געשטערקט איבער דיא 70, אבער אז ער קומט צו דיא 90 איז „לשוח“ געהט ער שוין איינגעהויקערט, איינגעבויגען, הולך שחוח וכפוף, ביז צים הונדערטער איז ער א מת און עבר ובטל מן העולם, ער איז שוין ביים גריב. בן תשעים לשוח, זאגען דיא מפורשים הולך וכפוף ער געהט שוין איינגעבויגען און פארקרימט, ער קוקט שוין אראב צו דער ערד, שוחה הייסט דער קבר אדער דער גריב, כי כרו שוחה לנפשי, זייא גראבען א גריב פאר מיין זעעלע (ירמיה י"ח כ'), „כרו לפני שוחה“ זייא גראבען פאר מיר א גריב (תהלים נ"ז ז) „כרו לי זדים שיחות“ זייא גראבען מיר גריבער (תהלים קי"ט פר"ה) „כי שחה אל מות ביתה“. איהר הויז נייגט זיך צים טויטט (משלי ב' י"ח) „שוחה עמקה“ איין טיעפעס גראב (משלי כ"ב י"ד). היינט לאמיר זעהן וואס דיא חכמי המשנה זאגען, זייא האבען אונז געלערנט אין האבען געזאגט: „אלו דברים שאין להם שיעור“ אזוי וויא זייא רעכינען דארט אויס אללע מצות וואס צו איין מענשען געהער. אונטער דיא מצות ווערט דערמאנט הכנסת אורחים", „בקור חולים“ אין „תלמוד תורה“. הכנסת אורחים איז געמיינט אז מען זאלל מקרב זיין אלטע לייט, וייל זייא זענען אורחים. זייא האבען שוין דורכגערייזט דיא וועלט, נאר זיי האבען נאך א קליינע צייט צו בלייבען אין שטאדט, זאלל מען זייא מאבען איין „בתי מחסה לזקנים“ כדי זייא זאללען האבען וויא זיך אבצירוהען דיא קורצע

צייט וואס זייא האבען נאך צו פאר־בלייבען אונטער דיא לעבענ־
דיגע. „בקור חולים“ איז געמיינט איין שפיטאל, אז איין ארמער
קראנקער זאלל ניט ליעגען אויף דיא גאססען אינ „תלמוד תורה“
איז געמיינט איינע שולע וויא דער מענש זאלל געבילדעט ווערין,
ער זאלל לערנען תורה עם דרך ארץ, אזוי וויא זייא האבען אונז
געזאגט „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ“. דרך ארץ מיינט מען
וועלטליכע וויססענשאפט, ווען דיא תורה ווערד באקליידעט מיט
הלכות דרך ארץ, באציהט זיך דער „יפה“ אויף דעם שילער,
יפה תלמוד, וויא שעהן איז צו דעם שילער תורה עם דרך ארץ,
אז ער האט געלערנט תורה מיט וועלטליכע וויססענשאפט. אללע
אונזערע חכמים האבען געקענט פרעמדע שפראכען, דארום האבען
דיא חכמי המשנה געזאגט: „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ“.
אינ צום סוף זאגען זייא: „ותלמוד תורה כנגד כלם“ אינ דאס
איז געמיינט דיא שולע. אינ דאס זענען דיא נעטיגסטע דריי מא־
נאמענטע וואס איעדער מענש איז פארפפליכטעט זייא הילפע צו
געבען.

---

יעצט וועלען מיר פארשטעללען דעם ווערט פון דער צדקה
וואס מען גיבט פאר שולע אינ שפיטאל אינ דיא צדקה וואס מען
גיבט פיר בוקארעשטער אזיל, דיא אללע דרייא אינסטיטוטען
שטעהען אין דער שפיטצע דער האמאניטעט, אזוי האבען מיר
פארגעשטעללט אין אנפאנגס פון דיעזעם פרק, וואהרשיינליך איז
דיא צדקה וואס מענשען געבען פיר אזעלכע טייע״ע אנשטאלטען
זאלל דאס הייסען דיא גרעסטע אינ טייערסטע גאבע אינטער דיא
אנדערע צדקות וואס אמענש איז פערעפליכטעט צו געבען אויף
דער וועלט יאה עס איז אבער צו בארענקען, ווער עס דארף צו
געניעסען פון דער צדקה, דארף מען איינזעהין אז דיא צדקה זאלל
פערטהיילט ווערין נאר פיר אזעלכע מענשען וואס זיי האבען דיא
ווערטה דערצו. צום ביישפיעל לאמיר נעמען איינע שטעטישע
קינדערשוהלע וואס זיא ווערט געהאלטען פון דער געמיינדע
אדער פון פערסאנאלשטייערן אינ נאר פיר ארימע שטאטס קינ־
דער. מען לערנט דיא ארימע קינדער אין מען באקליידעט זייא
נאך מיט בגדים אויך, וויא גרוים אין וויא טייער זאלל דיא צדקה

גירעכינט ווערען אז זיא ווערט פארשלייסט פיר איין שוהלע פיר ארימע קינדער! דער רייכער מאנן וועט געוויס ניט פארלאנגען אז זיין קינד זאלל פין אזא צדקה געניעסען אינ ווען איינער זאל וועלן זיין קינד יאה אריין געבען אין אזוי איין שוהלע, ער שעהמט זיך ניט ער זאגט איך ווילל אויך עססען פין קבצניש געלד אינ איך וועל וועניגער אויף מיין קינד פאר צערין. אזוי איין קינד ווערד ניט אמאהל אויף גינעמען אין דער שוהלע, מען פאר צערט ניט קיין צדקה געלד אויף אזוי איין מענש וואס ער איז איין בעל כח אינ איין פאר מעגליבער, נאר פאר דיא ארימע קינדער ווערט דאס פאר צערט, אינ דארום איז פארפפ־יכטעט איעדער מענש מיט צי שטייערן וועגען איין שולע פאר ארימע קינדער.

דאס צווייטע איז איין שפיטאל. ווער ווערט אויף גינעמין אין איין שפיטאל? איין ארמער קראנקער מענש וואס ער האט ניט וויא צי ליעגען. דארט ווערט ער פארזארגט מיט דאקטאר, מעדיצינע, באדינונג, ריינקייט, מיט אלים וואס איין קראנקער באנעטיגט. לאז קימען איין געזינדער מענש, קאן ער אויף גינעמין ווערין אין איין שפיטאל? ניין: עס איז געבויעט נאר פאר קראנקע. זאלל איין פארמעגליכער מענש ווען ער איז קראנק געהן אין שפיטאל אריין. געהט ער אויך ניט, דער רייכער שעהמט זיך צי ליגען אין איין שפיטאל. אם כן איז דאך איין שפיטאל גיבויעט נאר פאר ארימע קראנקע מענשען, אלזא ווער עס גיבט צדקה פאר איין שפיטאל ווערד דאס גיזלד געשפענדיעט נאר פאר דיא ארימע קראנקע וואס זייא ליגען אויף דעם קראנקען בעט אינ קאנין ניט ארימגעהן אויף זייערע פיס. בעטראכט אינ זעהט איין מיינע ליעבע לעזער וויא היילינ דיא צדקה איז וואס מען גיט פאר איין שפיטאל.

דאס דריטע אינסטיטוט איז איין בתי מחסה לזקנים, איין אזיל פיר אלטע לייטע. דאס הייסט מען זאל בויען איין הויז מיט מעהרערע צימערן וויא אלטע לייט זאללען זייער עלטער צי ברענגען, וואהרשיינליך אז כשמו כן הוא, אז דאס הויז הייסט „בתי מחסה לזקנים" איז דאס גיבויעט ניט פאר יונגע מענשען אינ נאר פיר אלטע לייטע. אין וואס פאר איין אלטע לייטע זאלען דא אויף גינעמין ווערין? נאר אזעלכער וואס האט דעם טיטעל זקן, דאס הייסט א בן ששים, אזוי איינער וואס ער קען זיך שוין ניט פאר־

דינען זיין גרייצער אינ האט ניט וויא איבער צי נעכפיגען איין נאכט. דיא ערשטע סטאטוטען פין דעם יאהר 1880 האבין פאר־געשריבען אויסדריקליך: . דע א פרימי אין אטשעסט אזיל אמיני באטריני נע פאטענטשיאשי״ אינ אויף דעם ערשטען זיעגעל זענין אויך גיזועהן גראווירט דיא ווערטער: „נע פאטענטשיאשי״, מיזן זאלל אויפנעמין אזוינע אלטע לייט וואס זייא קאנין שוין גאר ניט טאהן, וויל עס געפינען זיך נאך יעצט אלטע מענשען פין זיבציג יאהר וואס זייא זענין נאך גיזונד אין שטארק אינ קענין נאך אר־בייטען זייער מלאכה, ווי ל עס געפינט זיך אזעליכע אין אזיל איבער דיא זיבציג יאהר אלט, אגאנצען טאג געהט ער אין דיא גאססען ארים זיכען צי פאר דיענען, ער קימט נאר אין אזיל אריין צום עססען אינ צום שלאפען אין נאך מעהרערע מענשען געפינען זיך וואס זייא דארפין ניט קיין אזיל. אין אונזער בוקארעשטער אזיל ווערד דער נאמען פין דעם הויז ניט רעספעקטירט, עס ווערד ניט עקזעקוטירט דיא פפליכט צי וואס דאס הויז איז גיבויעט גיווארין. אזוי וויא מיר האבען פארגישטעלט איין שוהלע אין איין שפיטאל אינ אין דיא צוויי אינסטיטוטען ווערד ניט אויפגינעמין קיין אנדע־רער נאר אזעלכער וואס ער גיהער דער צי. על כן דיא צדקה וואס מענשען געבין אויף זייא האט איין גרויסען ווערטה אינ עס הייסט טאקע אמצוה אינ ניט איין עבירה.

אבער דא אין אונזער אזיל נעמין זייא אויף אזעלכע מענ־שען וואס עס איז קאנטרע דעם נאמען בתי מחסה לזקנים. וויר מיזען דאס גלייכען צי איין אסיגאראנט־הויז, ווארין איין מענש וואס גיבט 150 פראנק ער זאל ווערין מיִמברא דע וועטש אינ מען נעמט איהם שוין טאקע באלד אויף אין אזיל האטשי ער איז נאך אפילו ניט אלט קיין זעבציג יאהר אינ איז נאך איין גיזינדער מענש אויף אללע איברים אין ער קען נאך האנדלען אינ וואנדלען הייסט דאס ניט אז דער מענש האט זיך מיט 150 פראנק אסיגורירט זיין עקסיסטענץ? — איינע פרויא וואס זיא האט אמאל אב צי נער־מין פין איין לאדיכץ 2000 פראנק אינ זיא זאגט אז זיא גיבט דאס דעם אזיל ווען זיא ווערט דאס אב נעמין אין מיט דעם געלד זאל מען בויען איין סאלאן אינ דער פאר זאל מען פין איהרעט וועגען איין מעמאראטיווען מארמאר שטיין מיט אינסקריפציאנען אין דער

וואנד איינמויערן אינ זיא זאל מען האלטען אויף קעסט ביז אין איהר טויט אריין; אינ מען האט זיא שוין אריינגינעמען. נאך אידער מען האט דאס געלד פין דעם אדוואקאטען ארויס גינעמען אינ זיא זיצט שוין אויך צווישען דיא אלטע פרויען אינ הייסט שוין אויך זקנה", הייסט דאס ניט איין אסיגוראנץ-הויז? איז דען ניט איין גרויסע מצוה אז דער ארימער פראנק אינ דיא אנדערע געשענקטע וואס מען גיבט פיר דעם אזיל פיר דיא אלטע קראנקע לייט זאל מען אזוי איין יונגע פרוי אויך אריין רעכענין פאר איין זקנה? איז טאקע אמצוה?

חנה שאין, חנא חזנ׳ס וויב, זיא האט גיגעבין 500 פראנק האט מען זיא אריין גינעמין אין מיטען זימער, מען האט גאר ניט געהארט אויף משך דירות. זיא זאגט אליין דאס ווערטיל: „איך האב מיך שוין אסיגורירט אויף אייביג". נא מיינע ליעבע לעזער איז דאס נ׳ט איין אסיגוראנץ-הויז אינ ניט קיין בתי מחסה לזקנים"?
זייא האבען פין דעם אזיל געמאכט איין פאבריק פין קבצנים. מען נעמט אריין מענשין וואס זייא קענין זיך פאר דיענען זייער ברויט ביגיע כפים אינ מאכט זייא פאר בעטלערס.

עס געפינט זיך ביי אונז אין אזיל א יענקיל פלאמער א סוחר פין ספרי תורות, ציצית, תפילין, מזוזות אינ אנדערע מיני ספרים האט ער אויך אסיגורירט זיין עלטער מיט 150 פראנק וואס ער האט גיגעבען אויף דעם אזיל אינ איז א מעמברא דע וועטש אינ האט נאך געשענקט א ספר תורה אין צענטלערס שיל אריין אינ ר׳ וואלף מיכאלאוויטש נעמט איהם אין אזיל אריין אינ ער הייסט שוין זקן. ער איז דעמאלס בלינד גיוועהן אויף איין אויג, ברענגט ער זיך דעם דאקטאר פישער אינ ער אפערירט איהם דאס אויג׳ אינ ער ליגט צוויי חדשים קראנק אינ מאכט פין דעם אזיל איין שפיטאל. פרעגען מיר אונזערע ליעבע לעזער, איז דער מענש גי־וועהן פיר איין אזיל אויף צי נעמען אדער פיר איין שפיטאל? נאר ר׳ וואלף מיכאלאוויטש האט אזוי גיוואלט. נאך דער קרענק, אז ער איז גיזונד גיווארין האט איהם ר׳ וואלף מיכאלאוויטש גימאכט פאר איין אינגריישיטאר איבער דעם אזיל אינ איבער דיא אלטע לייטע אין מען צאהלט איהם איין ליאפע פין 25 פראנק אחודש*)

*) ער איז דער ערשטער וואס האט דערלאנגט א געהאלט אין האט א׳יסגעפיהרט׳ אז ביי דער

אחוץ שטיוויל, געטים, א פאלטאן אין אנדערע זייטען קניפליך אין דאס אללעס וואס מען האט פאר צעהרט אויף יענקיל פלאמער שטייט ניט פאר טראגען אין קיין שום בורזשעט, אין קיין ראפארט. אלע הוצאות פין דיענערשאפט זענין איין גירעכינט אין איין פען פין טויזענדער פראנקען. וו"א. אין וועלכען פעראיין האט זיך אזוי וואס גיהערט, אז מען זאל פאר צעהרין ארים געלד אהנע חשבון בא אזוי איין אינסטיטוט דארף זיין אנגעצייגט יעדער באן באזונדער וואס ווערד פאר צערט. אין בפרט דיא גרויסע אויסגאבען, אזוי וויא יענקיל פלאממער 25 פראנק אחורש, בעריש, דער ערשטער איינקאססירער 50 פראנק אחורש, מיכאלאוויטש שוואגער מאיר שטאפער דער צווייטער איינקאסירער א שתוף צו דעם אזיל אויף 2/3 פין דעם וואס ער קאססירט איין, מיכאלאוויטש א ניפאטיקיל, סעקרעטער, 40 פראנק אחורש.

נאר דא ליעגט דער רעכטער שווינדעל אין אזוי איין גרויסע סומע קען מען אריין ריקען נאך איניגע הינדערטער פראנקען וואס דיא וועלט דארף דער פין ניט וויסען.

אזוי איין יענקיל פלאמער אז ער האט גיגעבען 150 פראנק אויף דעם אזיל אין איין ספר תורה פאר 400 פראנק, אין 3 יאהר וויא פיעל געלד האט ער ארויס גינעמין פין דעם ארימען געלד פין דעם אזיל? טאפעל מאהל אזוי פיעל וויא איהם האט גיקאסט. איז דאס ניט איין אסיגוראנץ־הויז?

אין יעצט אז מען האט איין אנדערן אויף גינעמין אויף זיין ארט אלס אינגריזשיטאר איז ער גיבליבען אין אזיל אין הייסט א זקן אינטער דיא רעכטע זקנים, אין עסט אין טרינקט פין דעם ארימען געלד וואס מען קאבצינט פיר דעם אזיל אין ער איז נאך ניט אזוי שעמדיק אויך אין איז מקבל איין טהייל פין אלע צדקות וואס מענשען שענקען פיר ד"א רעכטע זקנים. איא עס איז טאקע איין גרויסע מצוה? דאס הויז קאן פיהרען דעם נאמען „פאבריקא דע קבצנים". אז מען וועט דיא חלבנה רייניגען אין עס וועט בלייבין נאר לבונה, דאס הייסט גאר אזעלבע זקנים וואס זייא קענין שוין

זיטצונג פין דעם 16 נאוועמבער 1885 האט מען איהם באשטימט א ליאפע אנפאנגס פין 10 פר, אחורש אין 20 פר, אויף שטיוועל, שפעטער האט מען איהם אלס גיהעכערט ביז אויף 25 פר. אין אזוי איז דאס גיגאנגין ביז אויגוסט 1888,

גאהר ניט ארבייטען אינ האבען ניט קיין שום צישפאר אזוי וויא עס איז טאקע דא איניגע אזעלכע דאמאלס וועלין דיא געשענקע וואס מענשען וועלין געבען אויף דעם אזיל אויך איין גרויסען ווערטה האבען אינ דיא מצוה פין דער צדקה וועט זיך אויך מעגין גלייכען צי דער מצוה פין „שוהלע אין שפיטאל„ אינ וואהל איז צי דיא מענשען וואס זייא שטיצען אזעלכע דרייא אינסטיטוטע, אשריהם וטוב להם בעולם הזה ובעולם הבא.

אין אנפאנגס דעם יאהרעס , . . . זענין מיר 5 יודען יונגע לייט געררייזט קיין קאנסטאנטינאפעל דורך דער בולגאריע. דורך איין צופאלל פין איין שלעכטען וועטטער זענין מיר גיצוויגען אויף נאכטלעגער אין איין מאנאסטיר. איך גלויבע ער הייסט „סעראנדרא עקליסיע“ אינ ליעגט אין דיא באלקאן־בערג צווישען ווארנא אינ באלטשיק. מיר ווארען איינע קאמפאניע פין 16 מענשין, 6 קריס־טען, גרעקין, בולגארען, 5 טירקען, דיא אלע זענין גיוועהן פין ארים יענע געגענד נאר מיר 5 יודען זענין גיוועהן פרעמדע. דיא בולגארען האבען געוויסט וויא דער מאנאסטיר ליעגט אין איינער זייטע פין דיא געבירגע זענין מיר אהין גיצוויגען, ביז נאכט זענין מיר אהין געקימען. מען האט אונז באלד גיעפינט דיא טויערן אינ מען האט אונז אויפגינעמין. מען האט איעדער נאציאן איין באזונ־דער צימער אבגיגעבען, פיר דיא טירקען איין צימער, מיר האט־בען גיזאגט מיר זענין יודען האט מען אונז אויך איין צימער אב־גיגעבען. פיר דיא 6 קריסטען אויך איין צימער. אין איין פאאר שטונדען ארים האט מען אונז אריין געבראכט נאכטמאהל, פיר איעדער נאציאן האט מען פארבערייטעט אזעלכע שפייזען וואס איהם געוועהנליך איז צום עססען פיר דיא טירקען האט מען גי־געבען טירקישע מאכלים, פיר דיא קריסטען האט מען גיגעבען סאלאמע אינ הענדיל־בראטען, ווייל עס איז גיוועהן קארנאוואלס צייט פיר אונז יודען האט מען אריין גיבראכט איין גרויסע קי־פערנע טאווע, אויף איהר איז גיוועהן אויסגעלייגט מיזעליקערים פין אלערליי גאטונג: סארדעלין, איקרע, מאסלינים, מעהרערע מיני ים פיש, גיבראטען אויף קוילען, גיבראטענע אייער, איינע גרויסע פרישע אזעמע (איין פילאף) גיבאקען אויף דעם הוילען אויבען מיר האבען זייער איין טהייערן נאכטמאהל גיהאט, וויר האבען

אבער גיזעהן אז מען האט דיא קריסטען וואס זענין מיט אונז גע־
קימען אויך ווין גיגעבען, איז איינער פין אינז יודען צי געגאנגען
צי דעם כהן צדק פין דעם קלויסטער אינ האט פאר לאנגט מען
זאל אונז אויך געבען ווין צום טיש, אזוי האט דער כהן גיזאגט.
, איהר האט זיך בא מיר גימעלדעט פאר יודען, האב איך אייך
גיגעבין אזאלבע שפייזען וואס יודען קענין בא אונז עסען, ווין איז
אייך פאר באטען בא אונז צי טרינקען דארום קענין מיר אייך קיין
ווין געבען. אזוי האט אונזער שותף גיזאגט, קיין פלייש עסין מיר
טאקע ניט, אבער ווין טרינקען מיר יאה. האט דער כהן גיזאגט,
קאנט איהר געהין אין א קרעטשמע אינ קויפען פיר אייער געלד,
אבער מיר איז פאר באטען אייך ווין צי געבען, אינ האט גישאפט
מען זאל אינז געבען עפעל קוואס וואס ער איז אסאך בעסער גי־
וועהין וויא געמיינער ווין. מיר האבען זייער גיט גילעבט אינ דער
נאכט מיט גיטע טריקענע שפייזען, גיטע געטרענקע, ווארמעס
צימער, נאר פלייש אינ ווין האט מען אינז ניט גיוואלט געבען
וויל מיר זענין גיוועהן יודען אינ דייקא יונגע לייט. אזוי האט זיך
נוהג גיוועהן דער פארשטעהער פין איין קריסטליכען מאנאסטיר
מיט יודישע געסט.

יעצט לאמיר נאר זעהען וויא אזוי זענען זיך נוהג דיא ראשי
הקהל פין אונזער יודישער מאנעסטיר ? (דאס מיין איך אינזער איל
פיע אלטע לייט אין בוקארעשט*) דא גיבט מען ב"ה דיא אלטע
יודישע נפשות טרפות צי עסען אויף דעם גרויסען אופן, — אפשר
ווילט איהר ליעבע לעזער וויססען וואס איך מיינע דאמיט, וועל
איך אייך ערקלערען, אונד צוואר יעדען יודען אין בוקארעשט איז
גיט בעקאנט דאס כשרקייט וואס עס געהט צי זייט איניגע יאהר
ביים יודישען פלייש, עס איז שוין אזוי ווייט געקימטען, אז דיא יודישע
פלייש האקער זאגען שוין אויף זיך אליין עדות אז זיי פארקויפען
טריפה פלייש, אינ עקסטער קימען דיא שוחטים פאסט יעדען טאג

---

*) אזוי האט עס אנגערופען דער קאמיסער פין אונזער קווארטעל. איך האב גיהאט אויף
גענעמין א דיענסט פאר דעם אזיל, בין איך מיט איהר גיגאנגין אין דער קאביסיע ארײן זיא מעל־
דען, האט דער קאמיסער צי איהר גיזאגט : דיא זאלסט דארט זיין עהרליך אין ניט פיהרען קיין
וועלטזאכען, ווייל דארט איז איין מאנאסטיר פין אלטע לייט. אין ווען איך האב
מיט דעם קאמיסאר גירעד האט ער גיפרעגט ; וואס מיהן דיא אלטע קאלוגערים אין אייער
מאנעסטיר.

צים רב אינ ערצעהלען וואס עס געהט פאר אין שלאכטהויז עס איז וואס שרעקליכעס. דער רב ר' אייזיק שור ווענדעט זיך אלעם אן מיט דרשנ'ן מיט ברוזים שיקען אין אלע שילען, ער האט אייך שוין מעהרערע ארטיקעל אין היזען פארעפפענטליכט אין וועלכע ער בעטייערט אז ער אלס ראבינער האט זיך גענוי איבערצייגט, אז עס ווערין ביי דיא יודישע פליישהעקער פארקויפט נישט נאר אזוי א בשר וואס עס איז פין נישט כשרע שוחטים (וועלכע האבען אויף בדיקה קיין נאמנות) געקוילעט, נאר אפילו דאס פלייש וואס שוחטים האבען עס נאך דער בדיקה פאר טריפה ערקלערט. אינ אויך איינפאך פין נישט יודען גיקוילעטע בהמות פארקויפען דיא יודישע העקערס פיר יודען אינ אונזערע יורעליך קיקען ניט אויף דעם רב'ס שרייען אינ וויינען אינ ניט אויף זיין שרייבען. אונ דיא אללע מיני טריפות ווערין ב"ה פין אונזערע אחב"י גיגעססען, אינ דיא העקערס וואקסען פין טאג צו טאג אינ בויען זיך הייזער פין דעם טריפה'נעם האנדעל. עס איז זעהר ניט אנשטענדיג פין אזוי איין געמיינדע וויא בוקארעשט, וויא עס געפינען זיך אזוי פיעל טויזענדער יודישע איינוואהנער אן ע"ה. נאר וואס קען מען מאכין! דיא רייכע קוממערן זיך אום גאר ניכטס, דיא ארימע קענען נאר א קרעכין אינ א זיפץ געבען אבער ניכטס העלפען. דער רב קען אויך נאר דרשנין, שרייען, וויינען, שרייבען אינ דערביי בלייבט ער. דענן קיינער הערט איהם נישט — יעדאך געפינען זיך נאך יודען אין בוקארעשט. אונד צוואר מיר האבען 4—5 שוחטישע פלייש־בענק וואס דיא שוחטים (כשרע) אליין קוילען אינ בדקינין אינ פארצייכענען דאס שמאלץ אינ אללע קליינגקייטען וואס געהער צו דער בהמה וואס זיא איז כשר געווארין אינ זענען אלליין דיא משגיחים ביים פלייש איבערנעמען. נאר וואס זייא האלטען גערינ־גענע העקערס צים האקען אינ טרייבערן דאס פלייש, נאטירליך אויך אונטער זייער אויפזי'כט. אלזא איז שוין דא כשר פלייש אויך צו באקיממען. יעצט קימט אגרויסע פראגע, פאר וואס קויפט מען ניט פיר דיא אלטע לייט פין דעם אזיל כשר פלייש? אינ נישט מען זאלל ארימשיקען איין אלטען מאנן מיט א קאשניצע ער זאל ארים געהען צווישען דיא העקערס אינ אויסזשעברען ביינער מיט אבניצליך פין דעם פלייש וואס עס איז שוין דריי טאג אלט. דענן

אגיט אין אפריש שטיקעל פלייש וועט דאך דער העקער ניט שענ־
קען אהן געלד. פאלגליך גיבט מען דיא אלטע לייט צי עססען
פלייש מיט אללע מעלות, אי טריפה אי נישט פריש. — עס וואלט
אינז רעכט גיוועהן דאס געשענקטע ציזאמממען גיזשעבריטע פלייש,
אום עס זאלל קיין געלד קאסטען, נאר ווען עס זאלל כשר זיין;
אבער טריפה איז אונז שוין ניט רעכט, דאס אזיל האט ב״ה פין
וואניט צו קויפען פאר געלד כשר פלייש.

דיא געשיכטע מיט דעם מאנאסטיר אינ צוגלייך מיט דעם
בוקארעשטער אזיל וואס עס געהט ניט צי כשר אינ נאר מיט
טריפה פלייש ווערט גינעהרט עטליכע דרייסיג מענשען אזוי פיעל
יאהר, האב איך ניט געשריעבען וועגען קאלאמניע. נאר אפשר
האבען דיא איינקינפטע ניט גיטראגען אז מען זאלל נעמען בא איין
כשרער באנק דאס פלייש, אבער יעצט אז אוזנער אזיל האט אין
דיא פיעל טויזענדער פראנק איינקונפט יעהרליך, זאלל מען אויס־
מאכען מיט איין כשרער באנק אז נאר פין איין כשרען שו״ב זאל
דאס אזיל געשפייזט ווערין אינ מען זאל שטעללען איין איש נאמן
ער זאלל משגיח זיין אויף דער קיבע, אז עס זאלל צי געהן כשר
ארטאראקסיש. אזוי וויא בא אונזערע עלטערן מען האט זיך נוהג
גיוועהן! אינ שבת פאר נאכט נאך מנחה זאללען זיך ציזאמממען
קיממען אללע זקנים אין דעם שפייזע־צימממער אינ מען זאל מקיים
זיין שלש סעודות אזוי וויא אונזערע עלטערן האבין זיך נוהג גע־
וועהן.

איינער פין אונזערע גרינדערי, ר׳ מרדכי ליפע לאנדויא האט
געמאכט איין שלש סעודות וואס עס האט איהם גיקאסט דרייסיג
פראנק אינ האט גיבעטין, מען זאלל איינפיהרען אז אלע שבת זאל
מען מקיים זיין שלש סעודות וועט ער געבין א שטייער, האט
מען ניט ציגעשטיממט דער ציא וויל דיא אריסטאקראטען האבין
דאס ניט פארגינעבין.

אזוי בעטין מיר דיא אנפיהרער פין „בתי מחסה לזקנים“ מען
זאלל דיא פארשלעגע נאכקיממען, אום עס זאלל אונז קיין בושה
זיין פאר דער וועלט.

אויך וואלט גלייך גיוועהן מיינע ליעבע לעזער אז דיא פער־
וואלטער פין דעם אזיל זאלין דיא איניציאטיווע נעמין, וויל עס

אין שוין יעצט אויך דיא צייט געקימען, מען זאלל איין באד בויען אויף דעם ליידיגען פלאטץ פין דעם אזיל אינ דאס וועט זיין דער רייכסטער איינקונפט פין דעם אזיל אינ דאס ריינקייט פיר דיא אלטע לייטע אינ דיא גרעסטע מצוה פאר ארימע ווייבער, וואס וויללען האלטען דיא מצוה פין נדה, ווייל דא אין בוקארעשט קאן דיא ארמע פרויא ניט מקיים זיין אינ האלטען איהרע דרייא מצות וואס זענין איהר גיגעבין גיווארען: נדה, חלה אינ הדלקה, חלה, ברויט, ווער באקט אין בוקארעשט, אז זיא זאלל מקיים זיין איהר ברכה פין חלה נעמין. דיא מצוה פין נדה איז זיא ניט אים שטאנד צי האלטען, ווייל דיא בעדער לאזען זיך זייער טייער באצאהלען אינ זיא האט אויף קיין ברויט ניט. ווען דיא גערלע פלעג געהין פין אויבען, פלעגען דיא ארמע ווייבער זימער געהן אין דער גערלע, אבער היינט אז דיא גערלע איז אבגעבראכען אינ פלאנירט גיווארען נ״ך דעם היינטיגען סיסטעם, אינ בא נאכט ווען מען קען זיך שוין אין איהר יאה בארען, קען איין יודענע ניט געהן טבילה, ווייל קריסטען אינ יודען, פרויען אינ מעננער בארען זיך באזאמען אינ אלע נאכט געשעהען גישלעגע וואס קריסטען שלאגען יודען אז מען מיז שטעללען זשענדארען צום באהיטען, נא קען זיך היינט איין טבילה־יודענע פארלאזען אויף דער גערלע? וויא האט זיך דאס גיהערט אויף דער גאנצער וועלט, אז דארט וויא איין געמיינדע יודען וואהנען, זאל קיין באד ניט זיין פאר טבילה־ווייבער. אזוי איין שטארט בוקארעשט קיין עין הרע פין אזוי פיעל טויזענדער פאמיליעס זאלל קיין באד ניט האבען. פין לאנגע צייטען צוריק מיט 50 יאהר ווען אין בוקארעשט איז גיוועזען נאנץ וויניג יודען האבען זיי גיהאט איין באד נעבען דער גערלע, ווער ווייסט דורך וואס פאר איינע צושטענדע זייא האבען דאס פאר קויפט דעם הערין מעלצער נאך אים יאהרע 1844. פין דאמאלס אהן ביז היטע איז שוין איבער גיגאנגען 45 יאהר אינ דיא שטאט האט ניט גיזארגט פיר איין באד צי מאכען. פין דאמאלס ביז יעצט וויפיעל איפיטראפיעס זענין איבער גיגאנגען אינ שווערע טויזענדער רענדליך זענין פאר פיצט גיווארין. וויפיעל פעראיינען האבען זיך געבילדעט אין דיא יעצטיגע צייטען אינ מען האט פאר צערט אין דיא פיעלע טויזענדער פראנקען אינ זענין פארלוירען

געגאנגען. איין פעראיין וועללין מיר צום בעוויז ברענגען, איין סימ־
באלישער פעראיין „אריאל“ האט אויס גיבראכט אין דיא פיעלע
טויזענדער פראנקען, דיא מעבלירטע סאלאנין, דיא בגדי כהונה.
דיא טייערע שטיהל אליין וואס דער פרעזידענט איז אויף איהר
גיזעסען האט גיקאסט 500 פראנק, דיא דרוקסארטען, סטאטוטען,
ריטואלען דיפלאמען דאס אללעס איז פארניכטעט גיווארין, דער
פעראיין איז צישלאגען גיווארען אין דאס אללעס איז אוועק גע־
שענקט גיווארען אין אזיל אריין. דיא בגדי כהונה איז דארט גע־
לעגען אויף דעם ביידעם ביז דער מייעל האט זייא אויפגינעססען
אין דער נאך האט מען זייא פארקויפט, דיא ריטואלען מיט דיא
דיפלאמען האבען דיא מייז ציגנייסין אין דער מאגאזיע פין האלץ
אין אזוי זענין פיעל פעראיינען איינגעגאנגען אין ניט איינע פין דיא
פעראיינען האבען גיוואלט איינע איניציאטיווע נעמין מען זאל פאר
דיא געלדער איין יודיש מרחץ בויען, אז עס זאל אבגעהיט ווערין
דיא טייערע אין ריינע מצוה פין נדה.

איך אפפעליר צי דיא אלטע מעמברע דע וועטש אז מיין זאל
דיא איניציאטיווע נעמען אין מען זאל איין באד בויען אויף דעם
ליידיגען פלאטץ פין דעם אזיל אין ניט קיין באד מיט גרויסע מא־
שינעריי וועגען שוויץ. אז עס זאל קאסטען אין דיא פיעל טויזענדער
פראנקען, אזעלכע זענין שוין דא אין בוקארעשט גענוג, מיר דאר־
פען דא נאר איין סעמפלע באד וועגען ביטליך צי מאכען אין א
שיינעם ריינעם באזעהן (מקוה וועגען טבילה ווייבער). וואסערלייטונג
איז שוין דא פין צוויי זייטען דעם אזילס, פין סטראדא ראמאלוס
אין סטראדא קאטיטע. פיר ארימע פרויען זאל דער פרייז גישטעלט
ווערין נאר מיט 30 סענטים איין פערזאן אין איין פישקע זאל דארט
איינגעמויערט ווערין פיר נדבות אריין צי לעגען. פערמעגליכע
פרויען וועלין געוויס שענער בעצאהלען וויא דיא ארמע אין וועלין
געוויס איין געשענק צוריקלאזען אין דער צדקה־פישקע, דעמאלס
וועלין מיר שרייען מיט איין הויכע־ שטימע: אשריכם ישראל
בעולם הזה וטוב לכם בעולם הבא!“